# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

364 | פרשת שמות | תשפ"א

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### איין געשריי בעסער פון טויזנט קרעכצן

"וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה; וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת נַאֲקָתָם" (ב כג -כד)

די געדאפלטע ווערטער "מִן הָעֲבֹדָה" ערקלערט דער 'אור החיים' הקדוש:

די תורה באטאנט אז טראץ די קרעכץ פון די אידן איז געווען "מִן הָעֲבֹדָה" - צוליב די צער השעבוד און נישט ווי א תפילה צו השי"ת, פון דעסוועגן איז עס אנגענומען געווארן: "וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים".

מיט דער יסוד האט ערקלערט **רבי אליעזר יצחק פריד** פון די ראשי הישיבה אין וואלאזשין די סיבה אז ביי 'שמונה עשרה' בעטן מיר: "שמע קולנו", און מיר זאגן נישט ארויס קלאר: 'שמע **תפילתנו ובקשתנו**'; אזוי ווי א טאטע וואס הערט די געשריי פון זיין זון, אויך ווען עס איז נישט געצילט צו אים, וועט ער נישט שטיין בלייבן אין זייט נאר ער וועט שנעל לויפן זעהן די סיבה פון די געשריי, אזוי בעטן מיר אויך פון אונזער פאטער אין הימל: אויך ווען אונזער געשריי קומט צוליב די צרות און עס איז נישט געצילט צו דיר, בעטן מיר "שמע קולנו" - הער צו אונזער געשריי 'כרחם אב על בנים' און העלף אונז.

דאקעגן דעם, **רבי עזריה פיגו** לערנט ארויס פון דער פסוק א פארקערטער דערהער:

אין די צייט וואס: "וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה" - איז נישט אנגענומען געווארן זייער געשריי, אבער ווען "וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים" - איין געשריי איז געווען צו ה' יתברך, איז די געשריי געווען מער פון אסאך קרעכצן וואס זיי האבן געקרעכצט "מִן הָעֲבֹדָה", און באלד: "וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת נַאֲקָתָם...".

'אור החיים'; 'בינה לעיתים' דרוש סב; 'נטעי איתן' שביעאי עמ' יח

### די אידן זענען געהאלפן געווארן מער פון וואס זיי האבן געדאווענט

"וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת נַאֲקָתָם וַיִּזְכֹּר אֱלֹקִים אֶת בְּרִיתוֹ...; וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע אֱלֹקִים" (ב כד-כה)

רבי חיים ירמיהו פלענסבערג אב"ד שאקי טייטש:

"וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת **נַאֲקָתָם**" - ריכטיג טאקע אז די געשריי פון די אידן איז געווען נאר אין א בחי' פון א 'נאקה' וואס קומט פון צער און ווייטאג, און זיי האבן נאר געדאווענט באפרייט צו ווערן פון די קושי השעבוד, אבער "וַיִּזְכֹּר אֱלֹקִים אֶת בְּרִיתוֹ... וַיֵּדַע אֱלֹקִים" אז מ'דארף זיי גוט'ס טון אסאך מער פון דעם, אזוי ווי ער האט צוגעזאגט פאר די אבות הק'. דעריבער אויסער דעם וואס ער וועט אננעמען זייערע תפילות און אוועקנעמען פון זיי די עול השעבוד, וועט ער זיי אויך ארויסנעמען פון די לאנד מצרים מיט א שטארקע האנט און זיי געבן די לאנד וואס איז זבת חלב ודבש.

'דברי ירמיהו'

### פון ווען איז א קטן זוכה צו חיי עולם הבא

"וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אָסֻרָה נָּא וְאֶרְאֶה אֶת הַמַּרְאֶה הַגָּדֹל הַזֶּה מַדּוּעַ לֹא יִבְעַר הַסְּנֶה" (ג ג)

אין גמרא (סנהדרין קי ב) ווערט געברענגט עטליכע דעות פון ווען איז א קטן זוכה צו חיי עולם הבא, און צווישן זיי: רבי מאיר האלט פון ווען ער ענטפערט אמן, און לויט רב נחמן בר יצחק פון ווען ער איז גע'מל'ט.

א רמז צו די דעות קען מען טרעפן אין אונזער פסוק: "מַדּוּעַ לֹא יִבְעַר הַסְּנֶה" - וואספארא זכות העלפט דעם מענטש ער זאל זוכה זיין צו א אייביגע לעבן? אין זכות פון ענטפערן 'אמן' - וואס איז מרומז אין די ראשי תיבות: "מֹשֶׁה אָסֻרָה נָּא", און אין זכות מצות 'מילה' - וואס איז מרומז אין די ראשי תיבות: "מַדּוּעַ לֹא יִבְעַר הַסְּנֶה".

'חכימא ברמיזא' עמ' פה

### א ברכה וואס איז געבויעט אויף ברכה

"וַיֹּאמֶר אַל תִּקְרַב הֲלֹם שַׁל נְעָלֶיךָ מֵעַל רַגְלֶיךָ כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַתָּה עוֹמֵד עָלָיו אַדְמַת קֹדֶשׁ הוּא" (ג ה)

**רבי משה חגיז** זאגט אז אויסער די פשוט'ע נוצן וואס מ'האט פון די שיך, וואס דורך דעם קען מען ארויסגיין פון שטוב און ערלעדיגן אלע ענינים, האט עס נאך א ספעציעלע נוצן, מיט דעם וואס זיי זענען מפסיק צווישן די פיס און די ערד וואס איז געשאלטן געווארן ביי די חטא פון אדם הראשון, אזוי ווי עס שטייט (בראשית ו יז): "אֲרוּרָה הָאֲדָמָה בַּעֲבוּרֶךָ". דעריבער ווען משה איז געשטאנען אויף די 'אדמת קודש' וואס איז נישט אריינגערעכנט אין די קללה, האט אים הקב"ה געזאגט: "שַׁל נְעָלֶיךָ מֵעַל רַגְלֶיךָ".

מיט דעם האט ערקלערט הרה"ק **רבי צבי אלימלך פון דינוב** פארוואס ביי די ברכות השחר האבן די חכמים מתקן געווען (ברכות ס ב) זאגן אויף די שיך די ברכה: 'שעשה לי כל צרכי', כאטש וואס דער לשון זעט מער אויס ווי א כלליות'דיגע ברכה אויף אלע אונזערע געברויכן?

לויט דער מהר"ם חגיז קען מען אפשר פארשטיין, דאס איז די 'גאנצע געברויכן' פון א מענטש - זיך דערווייטערן פון די קללה און זיך מדבק זיין מיט די ברכה, קומט אויס אז דורך אנטון די שיך דערווייטערט זיך דער מענטש פון די קללה, וואס דאס איז גערעכנט ווי עס וואלט געטון געווארן פארן מענטש אלע זיינע געברויכן.

'משנת חכמים' סי' רכא; 'אגרא דפרקא' אות דש

### 'של נעליך' כדי דיינע הענט זאלן נישט טמא ווערן

"וַיֹּאמֶר אַל תִּקְרַב הֲלֹם שַׁל נְעָלֶיךָ מֵעַל רַגְלֶיךָ כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַתָּה עוֹמֵד עָלָיו אַדְמַת קֹדֶשׁ הוּא" (ג ה)

אין מסכת סוטה (מ א) ווערט געברענגט אז רבן יוחנן בן זכאי האט מתקן געווען אז די כהנים זאלן אויסטון זייערע שיך בעפאר זיי דוכנ'ען. וועגן דעם פסק'נט דער 'באר היטב' (או"ח קכח ו) אז די כהנים וואס האבן געוואשן זייערע הענט פארן דוכנ'ען, זאלן אכטונג געבן אויסטון זייערע שיך אן זיי אנרירן, ווייל אויב נישט וועלן זיי זיך דארפן נאכאמאל וואשן די הענט.

**רבי ראובן מרגליות** שרייבט א רמז אויף די הלכה פון די פאלגנדע פסוק:

געווענליך רופט אן די תורה אויסטון די שיך מיטן נאמען - 'חליצה', אזוי ווי עס שטייט (דברים כה ו):"וחלצה נעלו", אבער דא האט הקב"ה באפוילן פאר משה מיט דעם לשון: "שַׁל", וואס איר באדייט איז אראפווארפן "נְעָלֶיךָ מֵעַל רַגְלֶיךָ" אן זיי אנרירן, כדי ער זאל זיך נישט דארפן וואשן די הענט צו קענען רעדן מיט מיר.

'נפש חיה' קכח ג

"אל תמנע
טוב
מבעליו"




"עס שטייט (משלי ג כו): "אל תמנע טוב מבעליו בהיות לאל ידך לעשות"; ווי שטארק דארף מען אכטונג געבן צו זאגן די ברכות בקול רם. אויב עס זענען דא מענטשן וואס ער ווייסט אז זיי ווילן ענטפערן זאל ער נישט פארמיידן די גוט'ס פון זיי, און פאר אים וועט עס פאררעכנט ווערן פאר א גרעסערע מצוה, ווייל גדול המזכה... און פון דער מברך און דער עונה צוזאמען וועט דער אייבערשטער געלויבט ווערן, און אויף זיי וועלן קומען אלע ברכות".

'פלא יועץ' ערך אמן

בני אמונים: מ'איז משלים מיט א אמן - יעדע ברכה.

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## די ברכה 'הנותן ליעף כח'

### א לויב אויפן אויפרישן די כוחות פון א מענטש

די ברכה 'הנותן ליעף כח' איז נישט דערמאנט אין די סדר ברכות השחר וואס ווערט געברענגט אין גמרא (ברכות ס ב), און די גאונים האבן עס מתקן געווען נאך די צייט פון די בעלי הגמרא, ווי א לויב אויפן באנייען און צוריק געבן די כוחות פון דער מענטש יעדן אינדערפריה נאכן שלאף. די נוסח הברכה איז געבויעט אויפן לשון הפסוק (ישעיה מ כט): "נותן ליעף כח ולאין אונים עצמה ירבה". די סיבה פארוואס די גאונים האבן עס מתקן געווען נאך די תקופה פון די חכמי התלמוד, ווייל זיי האבן געזען אז עס איז אראפ געקומען א מידעקייט און א שוואכקייט אויף דער וועלט, און האבן געזען פאר וויכטיג מתקן זיין א ספעציעלע ברכה אויף די קראפט און שטארקייט וואס הקב"ה געבט אונז זיך צו שטארקן אויף די שוואכקייט ('סדר היום' סדר ברכת השחר).

דער טור (או"ח מו) רעדנדיג פון די ברכה שטעלט ער צו דעם מדרש (תהלים כה ב) וואס זאגט אויפן פסוק (איכה ג כג): "חדשים לבקרים רבה אמונתך"; א בשר ודם געבט איבער א פקדון ביי זיין חבר, און ער געבט עס צוריק אפגעריבן און פארוועלקט. אבער ביי הקב"ה איז נישט אזוי - דער מענטש געבט איבער יעדע נאכט זיין נשמה ווען זי איז פארמאטערט, און ער געבט עס אים צוריק ניי און אויסגערוהט. ווי מער דער מענטש טראגט אויף זיך א גרעסערע לאסט, אזוי דארף ער מער לויבן פון טיפן הארץ אויף דעם וואס ווען ער איז אויפגעשטאנען פון שלאף, אויסער וואס די מידעקייט פון נעכטן איז אריבער, איז אים נאך צוגעקומען כח און שטארקייט זיך קענען באשעפטיגן מיט די ארבעט פון די טאג (סידור 'צלותא דאברהם' עמ' נד).

ביי די ברכה לויבן מיר נישט נאר אויף די באנייאונג פון די קערפערליכע קראפט, נאר אויך אויף די באנייאונג פון די זעהלישע קראפט, ווייל ביינאכט בעפאר מיר לייגן זיך שלאפן, איז נישט נאר דער קערפער אפגעמוטשעט נאר אויך די נשמה. ווען מיר שטייען אויף פון שלאף, נישט נאר די קערפערליכע כוחות זענען אויסגערוט און פריש, נאר די אפרוה פון ביינאכט העלפט אונז און געבט כח אויך פאר אונזער נשמה מיר זאלן קענען אויפשטיין יעדן אינדערפריה און ערפילן אונזער אויפגאבע ('שפתי חיים' - רינת חיים עמ' ס').

### א ברכה וואס איז נישט דערמאנט אין חז"ל

עס זענען דא ראשונים וואס האלטן מ'זאל נישט זאגן די ברכה, ווייל מיר האבן נישט דער כח צולייגן ברכות נאך די חכמי התלמוד (זעה אין ספר האגור ברכות סי' פז אין נאמען פון עטליכע ראשונים, אויך דער רמב"ם האט עס נישט דערמאנט צווישן די אלע ברכות), און אזוי איז גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (או"ח מו ו).

אבער עס זענען דא אנדערע ראשונים וואס האבן יא אריינגערעכנט די ברכה אין די סדר פון די ברכות השחר (ראה סמ"ג סי' כז), און לכאורה אזוי זעט אויס רש"י'ס דעה, ווייל ער שרייבט (ספר הפרדס סי' ה): "מ'דארף נישט חושש זיין אויב מ'לייגט צו נאך ברכות, ווייל נאר פארווייניגערן טאר מען נישט, אבער צולייגן און זאגן א ברכה אויף יעדע זאך וואס איז אים באליבט, מעג מען", און אזוי פסק'נט דער רמ"א (שם). דער ב"ח (שם ד"ה עוד ברכה אחת) שרייבט אז עס קען מעגליך זיין אז די ברכה איז נישט פון די קדמונים, נאר זיי האבן מעתיק געווען אין זייערע סידורים לויט די גירסא וואס זיי האבן געהאט אין גמרא.

היינט צו טאג איז פארשפרייט דער מנהג אויך צווישן די בני ספרד עס צו זאגן מיט א שם ומלכות אזוי ווי דער אר"י האלט ('פרי עץ חיים' שער התפילה פ"ב). און אזוי ווי דער חיד"א שרייבט ('טוב עין' סי' ז ד"ה ומטעם): "עס איז אנגענומען אין עטליכע קהילות צו זאגן די ברכה 'הנותן ליעף כח', כאטש עס איז אינגאנצן א נייע ברכה, און מרן [דער בית יוסף] אין שולחן ערוך רופט עס אן 'נדחה'. אבער, ווייל רבינו האר"י זצ"ל שרייבט מ'זאל עס זאגן און ערקלערט דעם סוד, זאל מען אזוי טון, עס איז זיכער אויב וואלט מרן געוואוסט פון די גרויסקייט פון דער אר"י און אז ער האט געהייסן יא זאגן, ווייל ער אליינס אויך אזוי געטון".

### נאך כוונות אין די ברכה

דער תרגום יונתן טייטש דעם פסוק (ישעיה מ כט): "נותן ליעף כח" - אז הקב"ה געבט חכמה פאר די צדיקים וואס גלוסטן און זענען דארשטיג אויף דברי תורה, אזוי ווי עס שטייט (תהלים סג ד): "צמאה לך נפשי כמה לך בשרי בארץ ציה ועיף בלי מים". מיט דעם טייטש רבי חיים פאלאג'י אז אין די ברכה לויבן מיר אויף דעם כח וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן מיר זאלן קענען עוסק זיין אין תורה טראץ די שוועריקייטן פון די גלות ('יפה ללב' קונטרס אחרון או"ח מו ט).

אין 'עולת תמיד' (פרק ט) שטייט: "נאך זאל ער אינזין האבן צו געבן א לויב פאר הקב"ה, אויף דעם וואס עטליכע מאל פילט דער מענטש א שוואכקייט און א מידעקייט, און דער אייבערשטער געבט אים כח און העלפט אים צו טון עטליכע זאכן וואס זענען זייער וויכטיג פאר אים, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, און מ'זעט קלאר וויאזוי דער אייבערשטער טוט מיט אים למעלה מדרך הטבע".

נאך שטייט אין 'סדר היום' (שם) אז אין די ברכה ליגט אויך א תפילה אויפן עתיד - "ער זאל אונז געבן כח און שטארקייט צו קענען עוסק זיין אין תורה און מצוות אזוי ווי עס דארף צו זיין, מיר זאלן נישט אפגעשוואכט ווערן פון צו טון אלעס וואס מיר קענען".

### די פלאץ פון די ברכה הנותן ליעף כח

אין 'שערי תשובה' (או"ח מו ס"ק ו) שטייט אז על פי סוד דארף מען זאגן די ברכה 'הנותן ליעף כח' נאך די ברכה 'מלביש ערומים', און אזוי טרעפן מיר אין סידור האר"י, אבער עס איז אנגענומען צו זאגן בעפאר די ברכה 'המעביר שינה'. און אין סידור 'צלותא דאברהם' (עמ' נז) ערקלערט ער, ווייל די ברכה איז נישט דערמאנט אין גמרא, דעריבער זאגט מען עס נאך אלע קורצע ברכות, און פאר 'המעביר שינה' וואס איז א לאנגע ברכה, כדי אפטיילן צווישן די ברכות וואס ווערן דערמאנט אין גמרא, און די ברכה וואס מ'האט מתקן געווען נאך די צייט פון די חכמי הגמרא.

אויפן 'ישמח ישראל' פון אלכסנדר ווערט דערציילט אז איינמאל איז געקומען צו אים א פולישער רב וואס כאטש ער איז געווען א שוואכער מענטש, האט ער זייער מאריך געווען מיט זיינע הכנות צום דאווענען, און צוליב זיין קפידא נישט עסן פארן דאווענען, האט ער גארנישט אריינגענומען אין מויל ביז ער האט געענדיגט דאווענען - בערך ארום חצות. ווען דער רבי האט אים מעיר געווען אז ער דארף היטן אויף זיין געזונט, האט יענער רב געענטפערט: "איך זאג יעדן אינדערפריה די ברכה 'הנותן ליעף כח', און פון דעם האב איך כח".

"אויב אזוי שטארק טוסטו שעצן די כח פון די ברכה", האט דער רבי אים געענטפערט ווען אין דעם ליגט באהאלטן שטראף רייד, "דאוון פריה, און דורך דעם וועסטו שוין האבן כח באלד אינדערפריה..." ('אגודת אזוב' עמ' פח).

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ** - אויף דעם וואס דו געבט צוריק פאר די קערפער די נשמה וואס איז געווען אפגעמוטשעט פון די נעכטיגע טאג ווען זי איז אויסגערוט און אנגעלאדנט מיט פרישע כוחות אויף די הארעוואניע פון דער טאג.

**אָמֵן - אמת** אז אויף אונז ליגט צו לויבן ה' אויף דעם וואס ער באנייט די כוחות פון דער מענטש יעדן טאג ווען ער שטייט אויף פון זיין שלאף.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## א תפילה וואס האט געענדערט וועלטן

אויב ענק וועלן היינט צו טאג באגעגענען הרה"ג רבי מיכאל ש. שליט"א, וועלן ענק נישט קענען גלייבן אז אונטער זיין איידעלע געשטאלט איז באהאלטן א אטעם-פארכאפנדע לעבענ'ס געשיכטע וואס פארבינדט עבר און הווה צוזאמען.

הרב מיכאל ש. ארבעט שוין צענדליגער יארן מיט מסירות נפש צו מקרב זיין פארבלאנדזשעט נשמות צו זייער פאטער אין הימל, ווען מיט סייעתא דשמיא און דורך זיין פערזענליכקייט איז ער זוכה צו א געוואלדיגע הצלחה. אסאך הונדערטער ערליכע אידישע הייזער זענען אויפגעשטעלט געווארן דורך זיינע אקטיוויטעטן. אסאך יוגנטליכע וואס אסאך יארן האבן זיי נישט געוואוסט וואס איז דאס אידישקייט, האבן היינט צוטאג אויפגעשטעלט גרויסע פארצווייגטע משפחות, זיידענע יונגעלייט וואס האבן ליב לערנען און מדקדקים במצוות - אין זיין זכות.

אויב ענק זענען גרייט צו הערן, די ערציילונג פון זיינע תלמידים איז אויך זיין אייגענע ערציילונג.

הרב מיכאל איז געבוירן געווארן אין מאראקא און דערנאך וואס ער איז ארויף קיין ארץ ישראל אין עלטער פון זיבן יאר, האט זיך באזעצט זיין פאמיליע אין איינע פון די שטעט אין צפון. אזוי ווי אסאך משפחות אין יענע צייטן, האבן זיי אינגאנצן נישט געטראכט צו שיקן זייער זון צו א תורה'דיגע חינוך. און דער זיבן יעריגער יונגל האט זיך געטראפן אינגאנצן אפגעריסן פון א תורה'דיגע אטמאספער.

זייענדיג אין כיתה ו', האבן ערשיינט אין זיין שולע אזוי ווי מלאכים פון הימל צוויי פון די הויפט 'פעילים' פון יענע יארן, און האבן אנגעהויבן איבעררעדן עלטערן און תלמידים זאלן טראכטן אויף זייער צוקונפט און אריבער פירן זייערע קינדער צו א נארמאלע תורה'דיגע חינוך וואו עס דארף צו זיין.

מיכאל האט אינגאנצן נישט געדארפט וויסן פון די אקטיוויטעטן, ווייל דאס איז געווען געווידמעט נאר פאר די תלמידים פון די גרעסערע קלאסן, ד.מ. קלאסן ז' און ח', אבער די שמועות אויף די אקטיוויטעטן איז אנגעקומען אויך צו זיינע אויערן און האבן ערוועקט די באהאלטענע אידישע-סטרונעס וואס זענען באהאלטן געווען אין זיין הארץ. און אזוי, אן ער אליין זאל פארשטיין פארוואס, האט אנגעהויבן פלאקערן אין אים א ווילן צו לערנען תורה.

ווען ער האט זיך געוואנדן צו איינער פון די 'פעילים' און געבעטן ער זאל אים העלפן אריבער גיין צו א תורה'דיגע מוסד, האט יענער זיך ארויסגעדרייט; די פעילים וואס האבן קוים באקומען ערלויבעניש זיך דרייען אין די שולע מיט באגרעניצטע תנאים, האבן נישט געוואלט איינשטעלן זייערע אקטיוויטעטן דורך צושטערן די כללים וואס מ'האט פאר זיי פארגעשטעלט.

אבער מיכאל האט נישט געטראכט פון נאכלאזן. ער האט אנגעהויבן שרייען און זיך עקש'ענען אז ער וויל אויך אריבער גיין לערנען אין א תורה'דיגע מוסדות, צוביסלעך האט אויסגעוועפט די ווידערשטאנד פון די 'פעילים', און אין ענדע האט ער באקומען א ערלויבעניש זיך באטייליגן אין א 'קעמפ' וואס איז ארגאניזירט געווארן דורך די 'פעילים' און קינדער פון אלע עקן פון לאנד האבן זיך באטייליגט אין דעם. ווען ער איז דארט אנגעקומען האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער איז געווען דער איינציגסטער פון אלע תלמידים פון די שולע וואס איז איבערגערעדט געווארן אריבער גיין צו א תורה'דיגע חינוך.

דעמאלטס האט זיין משפחה מסכים געווען מיט די שריט וואס ער האט געטון, טאקע מיט גרויס זארג, אבער זיי האבן געוואלט זיין גוט'ס. אויך צוליב וואס די מנהלים פון די נייע מוסד וואו דארט איז ער אריבער האבן זיך משתדל געווען זיך צופאסן צו די פאדערונגען פון די עלטערן, און עס האט אויסגעזען אז מיכאל פארט אויפן ריכטיגן וועג.

אבער די טויש האט זיך אפגעשפילט ארום צוויי יאר שפעטער; מיכאל וואס איז שוין גרויס געווארן און האט געפירט א פרומע לעבן, איז זיכער געווען אז די קומענדיגע יאר איז ער ממשיך לערנען אין א פרומע ישיבה, אבער ער איז איבערראשט געווארן צו הערן אז זיין משפחה שטעלט זיך אקעגן. פון זייער זייט, פאר זיי איז געווען קלאר אז ער איז ממשיך דווקא צו א פרייע מוסד, דארט, האבן זיי געהאפט וועט ער קענען אויסנוצן זיינע געבענטשטע טאלאנטן אזוי ווי זייער וואונטש איז, זיך איינקויפן א חשובע פאך וואס מיט דעם וועט ער קענען 'לעבן' זיין לעבן.

דער וועלט ארום מיכאל וואס איז ביז יעצט געווען אזוי רואיג און פרידליך, האט פלוצלונג אנגעהויבן טומלען און רודערן, ווען פון איין זייט איז ער געשטאנען צוזאמען מיט די 'פעילים' וואס האבן אים באגלייט אגאנצע צייט, און יעצט האבן זיי אים פרובירט צו העלפן לויט זייער מעגליכקייט אויספירן זיין וואונטש צו לערנען אין א הייליגע ישיבה, און פון דער צווייטער זייט איז געשטאנען זיין פאמיליע וואס האבן געפאדערט מיט געוואלד אים אריבער פירן צו א פרייע מוסדות.

אין ענדע האט זיך געשטארקט די האנט פון זיין פאמיליע, און מיכאל איז אריבערגעפירט געווארן, כמעט מיט כח, צו די שולע וואו זיי האבן געוואלט.

אבער, אויב האט עמיצער געטראכט אז ער וועט קענען געווינען דעם גייסט פונעם יונגן גיבור, איז שפעטער געוואר געווארן אז ער האט געהאט א ביטערן טעות; מיכאל איז אנטלאפן איינמאל נאכן צווייטן פון די מוסד וואו דארט האט ער געלערנט און איז אנגעקומען אהיים, וואו דארט האט ער אויסגעבראכן אין א ביטערליכן געוויין און זיך געבעטן ביי זיינע עלטערן זיי זאלן אים אריבערפירן צו א הייליגע ישיבה.

אבער זיין משפחה האבן באשלאסן זיך האלטן פעסט אין זייער באשלוס און זיי האבן אים מיט געוואלד צוריק געפירט צו די שולע, ווען זיי סטראשענען אים ער זאל זיך נישט דערוואגן נאכאמאל אנטלויפן. די געשיכטע האט זיך אבער איבערגעשפילט אסאך מאל, ביז אין ענדע איז מיכאל אנגעקומען צו א באשלוס אז אויף דעם וועג וועט ער נישט קענען פארווירקליכן זיין ווילן.

אויסערליך האט ער זיך אונטערגעגעבן, אבער אין זיין הארץ האט ווייטער געפלאקערט די פייער פון רצון, און ווען ער האט פארשטאנען אז בדרך הטבע איז כלו כל הקיצין האט ער באשלאסן זיך באנוצן מיט די בעסטע געווער, מיט די געווער פון תפילה. ביי זיך אין הארץ האט ער באשלאסן צו פאסטן, דאווענען און שרייען צו ה' ביז פון הימל וועט מען אויף אים רחמנות האבן און אים אריבערפירן פון די פלאץ וואו ער געפונט זיך צו א הייליגע ישיבה.

דער יונגער בחור'ל האט אין לויף פון די קומענדיגע אכט און פערציג שעה'ן נישט אריינגענומען עסן און טרינקען אין זיין מויל, און א גאנצע צייט האט ער געדאוונט צום אייבערשטן מיט טרערן ער זאל אים ראטעווען פון די ענגשאפט.

נאכן פאסטן צוויי טעג, ווען ער האט געשפירט אז זיינע כוחות לאזן זיך אויס, איז פלוצלונג אנגעקומען די ישועה. מיטאמאל איז געהערט געווארן א קלאפ אויף די טיר פון זיין צימער, און ביי די טיר האבן זיך באוויזן די צוויי 'פעילים' וואס אין זייער זכות איז ער אריין אין די ערליכע מוסד פאר צוויי יאר צוריק. לויט זייערע ווערטער אין לויף פון די תקופה וואס איז אריבער פון ווען ער איז אריינגעלייגט געווארן מיט כח אין די שולע, האבן זיי פרובירט אלע וועגן אים צו טרעפן, און זיי האבן זיך געוואנדן צו איינעם פון די גדולי הדור און געפרעגט צי זיי זאלן פרובירן אים ארויסנעמען מיט געוואלד. יענער גדול האט זיי באפוילן זיי זאלן פרובירן צו טון מיט די הסכמה פון די משפחה, און לויט זיין הוראה זענען זיי יעצט געקומען אים מחזק זיין.

ווען די 'פעילים' האבן זיך געזעגנט פון דעם בחור'ל, נאך א לאנגע צייט פון א זאפטיגע שמועס פול מיט חיזוק, האבן זיי אים געגעבן א שיינע סומע געלט ער זאל עס נוצן לויט זיין ווילן, און האבן נישט גע'חלום'ט איין מינוט ווי שנעל די געלט וועט אים צוניץ קומען; שוין אויפצומארגנ'ס זענען זיי ערשטוינט געווארן צו הערן אז מיט די געלט איז מיכאל געפארן קיין ירושלים, און איז שוין אריין לערנען אין איינע פון די דארטיגע ישיבות.

עטליכע טעג שפעטער זענען זיי נישט איבערראשט געווארן צו הערן אז זיין פאמיליע זענען אויך געפארן קיין ירושלים און מיט געוואלד פרובירן זיי אים ארויס נעמען פון די ישיבה...

אין אנהויב האבן די 'פעילים' געמיינט אז עס איז שוין אנגעקומען די צייט אים העלפן אנטלויפן פון די לאנד צו א ישיבה אין פראנקרייך, וואס דאס וואלט געקענט צוברענגען א גרויסע שטורעם, אבער אין ענדע, מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז געטראפן געווארן די לעזונג, ווען איינער פון די גדולי הרבנים וואס האט געהאט א איינפלוס אויף די פאמיליע פון מיכאל, האט געהערט אויף די ווייטאגליכע פרשה, און מיט זיין פארשטאנד איז אים געלונגען נאך א לאנגע שמועס מיט די משפחה זיי זאלן פארשטיין אז מער וועלן זיי נישט קענען זיך אקעגן שטעלן דעם ווילן פון דאס קינד.

מיכאל איז צוריק אין ישיבה און האט אנגעהויבן לערנען מיט א געוואלדיגע התמדה, ביז ער איז אויסגעוואקסן לשם ולתפארת, און האט אויך זוכה געווען צו ווערן פארערכענט צווישן די גרויסע מזכי הרבים אין אונזער דור. און דאס אלעס איז געקומען דורך די כח פון איין תפילה וואס איז געזאגט דערנאך וואס ער האט געפילט אז אלע אנדערע וועגן זענען פארמאכט פאר אים.

'קול ברמה' 346

עיצובים shay